IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**די כאָלערע • Cholera: Part 1**

By Jonah Rosenfeld, translation by Rachel Mines

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (May 2023)

For the online version of this article:

[https://ingeveb.org/texts-and-translations/cholera-1]

# די כאָלערע

# Cholera, Part 1

Jonah Rosenfeld
translated by Rachel Mines

**Introduction:** Jonah Rosenfeld, born around 1880, spent his first years in the shtetl of Chartorysk, Volhynia, Russian Empire (present-day Staryi Chartoryisk, Ukraine). He had a traditional, religious Jewish education, interrupted before his bar mitzvah when his parents died of cholera, after which his brothers sent him to Odessa to apprentice to a lathe operator. His first published story, "Dos Lernyingl" ("The Apprentice"), appeared in St. Petersburg's daily Yiddish newspaper *Der Fraynd* in 1904, and his first collection of short stories was published five years later. In 1921 Rosenfeld emigrated to New York, where he was a major contributor to the leading American Yiddish-language newspaper, *Forverts*, until 1935. He died in New York on July 9, 1944.

While Jonah Rosenfeld is probably best-known for his fiction, his corpus includes a number of autobiographical and semi-autobiographical writings , none of which, aside from the present work, have yet been translated into English. The best known of these is his novel *Eyner Aleyn* (New York, 1940), which received much attention from the Yiddish press on publication. The fifth volume of Rosenfeld's six-volume anthology, *Shriften* (New York, 1924) and the first volume of his eight-volume anthology, *Geklibene Verk* (Vilnius, 1929), contain a number of semi-autobiographical stories, including versions of "Cholera." These stories not only hold their own as literature, but also provide a wealth of historical and ethnographic information and are well worth a closer examination.

"Cholera" is set in Chartoryisk during the cholera epidemic of 1893 – probably the epidemic in which Rosenfeld's parents died. Though we cannot know for sure, the story may be based on actual events and people of the time: Rosenfeld's widow, Chaya, writing in 1953, claimed that "in his autobiographical stories, sketches, and notes, Jonah Rosenfeld was always very sincere and true to reality." While the author and his family do not appear as characters in the story, and many details of characters' thoughts, feelings, and conversations are clearly invented, Rosenfeld's description of the course of

the epidemic, the actions taken by government officials, and the experiences of Jewish and gentile townspeople are both realistic and compelling .

The novella "Cholera" first appeared serially in the *Forverts*, beginning September 23, 1923. It was later anthologized as "Di Mageyfe" in Vol. 5, *Ikh*, of Rosenfeld's six-volume collection *Gezamlte Shriften* (New York, 1924), and as "Di Kholyere" in Vol. 1, *Grenetsn,* of the eight-volume collection *Geklibene Verk* (Vilnius, 1929). The story also appears as "Di Kholyere" in the one-volume *Geklibene Verk* (New York, 1955). I have based this translation on the 1955 version. The four segments appearing here are excerpts from the longer work, in chronological order, and give some idea of the novella's development as the characters, Jews and gentiles alike, react in various ways to the devastation of their town and families.

"Cholera" is thick with cultural and religious references that present-day English-speaking readers, even those familiar with Jewish culture and religion, may not be familiar with. Jewish-Christian relations in nineteenth century Russia, marriage and funeral practices of the time, details of holiday observances and customs, Hebrew prayers, folkloric traditions – Rosenfeld's story touches on all these and more, and, as might be expected, such references present a challenge to the translator and to readers. However, I chose to avoid scholarly apparatuses such as footnotes in order to translate the story as Rosenfeld originally intended, to be read for pleasure. Therefore I have inserted any necessary clarifying comments into the text itself, keeping my interpolations as brief as possible.

A few Yiddish words that are now used in English merit a brief mention. In North American English, the word "goy" can be pejorative. While Rosenfeld, like other Yiddish speakers of his time, uses "goy" in a neutral way to refer to non-Jewish people, I generally replaced the word, with its negative connotations in English, with "Christian" or "peasant," depending on context.

Another common Yiddish-English word, "mitzvah," has also changed in its connotations. To most English-speakers, a mitzvah is a good deed, and the word can refer to almost any helpful act. In Rosenfeld's time, however – and to observant Jews today – the word is much narrower in scope, and refers to a religious obligation. Thus, in "Cholera," when the Jews of Chartoryisk decide to marry the two orphaned outcasts to each other, they are not doing so out of the goodness of their hearts, but in order to fulfill a religious obligation, the sacred covenant of marriage. As the townspeople see it, and as real-life participants in cholera weddings probably saw it, "by the heavenly merit they'd gain by this mitzvah, the plague would surely be ended."

The present-day reader will undoubtedly approach Rosenfeld's depiction of the 1893 epidemic from the perspective of the coronavirus pandemic that began in 2019. In "Cholera," as well as in news accounts and our own lives, we observe a frightened population not knowing what or whom to believe, many preferring to distrust science and instead turn to religion, folk remedies, and downright quackery. In the story, as in real life, preventatives such as avoiding crowds and taking hygienic measures are treated with suspicion, as are the government officials, medical authorities, and individuals who support such strategies. Rumors and "fake news" abound. Vulnerable populations – women, the elderly, the poor – suffer disproportionately, while members of the elite classes buy themselves out of danger. Even the threat of widespread disease,

at least in its early stages, is rationalized away. In the words of Rosenfeld's story, "most people shrugged off the whole thing, saying there were only two possibilities: either there was no plague, or, if there was, it was nothing to worry about. … It would all blow over."

Throughout Rosenfeld's story, as in the early stages of the coronavirus pandemic, a sense of helplessness in the face of a mortal threat is pervasive, and yet daily life – gossiping with neighbors, caring for one's family, attending religious services, celebrating holidays, planning weddings – somehow goes on, nonetheless. Despite the span of decades, culture, and language, today's readers will find much that rings true in Rosenfeld's story.

My thanks to Sholem Beinfeld, Gene Homel, Seymour Levitan, Helen Mintz, the members of the Yidforsh Facebook group, and the editors and proofreaders of *In geveb* for their invaluable assistance. A complete translation of "Cholera" will appear in the anthology *"A Plague of Cholera" and Other Stories by Jonah Rosenfeld*, forthcoming from Syracuse University Press.

I would like to dedicate this story to Lillian Green, the grand-niece of Jonah Rosenfeld, who is justifiably proud of her "uncle Yoyne" and thrilled that his stories are again being read and appreciated.

# Cholera, Part 1

The postal wagon with its clamoring bells was back in town, and with it a small group of strangers: Christians with intelligent faces who looked less like the local peasants and more like Jews who preferred to dress like Christians. Their clothes didn't mark them as special, but they clearly weren't ordinary folks who'd just happened to drop into town. The strangers had obviously been sent by the government for official reasons that had to be hidden under everyday Christian clothing. The only thing out of the ordinary was their hats, which had dark-brown velvet hatbands and little badges in front: five badges on five hats firmly pulled down over five foreheads.

The wagon drove up to Yitskhok Aron's, stopping in front of the feldsher's half of the house, and all five strangers with their five pairs of legs jumped down from their high seats and one by one disappeared inside. A few minutes later the village constable and the Cossack squadron chief came running. The Cossack chief, who'd discreetly removed his hat as a sign of respect, began to help the driver pull down the baggage the five men had brought. He carried each piece into the house with the reverence usually reserved for sacred relics that belonged in a church.

Though they were more interested in the feldsher's half of the house and the Christians inside it, the locals began to congregate around Yitskhok Aron's half, gathering one after another until a few minutes later quite a crowd had sprung up. Before they could find out who the strangers were, the crowd already knew why they had come—and for this reason they felt both better and worse about these men than about any other government official they'd dealt with before. It was clear these men's activities would affect both the living and the dead. No one could tell what the strangers' plans for the living were, or what the results would be – but for a long time, everyone had known what they planned for the dead. They'd come to do both good and bad things, and while their terrible intentions for the dead might have good results for the living, no one in the crowd could deny it was evil to pour quicklime over a corpse. The very thing the officials were planning for the dead—in order to benefit the living!—could, in fact, make the situation even worse: it's no small matter to desecrate a dead body.

The constable, looking frazzled, popped outside once or twice. He seemed scared to death, as if he'd completely forgotten that he, like the visitors,was also a government official. He had the air of a rooster who'd stumbled into an unfamiliar yard full of bigger, stronger roosters. The crowd stared, rejoicing in his downfall.

"*Zdrastvuyte, gospodin uryadnik*" they jeered. "Well hello, Mr. Constable!"

Every once in a while Yitskhok Aron stuck his head out the window and asked why the crowd was still loitering around. Even though he was at home in his own house, he was wearing his yarmulke, as if he, not the feldsher, were entertaining the important guests. He appeared to be a man among strangers and his own people alike, as though he'd just stepped out of an army recruitment office full of officials and Jews. He waved the crowd away, telling them it wasn't a good idea to stand around gawking: under the circumstances it was best not to gather in large groups.

"They're salters. They're here to use quicklime," people opined, suspecting that Yitskhok Aron was in the know but didn't want to say.

***

Battle commenced the next day. The five officials, accompanied by the village constable and the Cossack chief, went into every house where the plague had struck to disinfect it. First they sprayed a pungent liquid onto beds and tables, walls and ceilings. Then they flung open doors and windows, carried out anything that had been in close contact with a plague victim, doused it with kerosene and burned it. Sheets and straw mattresses, pillows and bed coverings smoldered and smoked, and the stink of charred feathers filled the air. Guards were posted on the roads to stop people entering or leaving town. For those who did manage to get in or out, piles of straw were placed all around to be used as kindling. Any items brought out of town would be burned, while the travelers themselves would be "baptized" with disinfectant from head to foot. New ordinances were posted with lists of rules about cleanliness and threats of large fines and long prison sentences for disobedience. Another set of ordinances spelled out a complete list of permitted and forbidden food and drink. All the ordinances emphasized that as soon as a case of cholera was discovered, it must be reported at once to the sanitary station.

That same day, two peasants dug a deep hole in the middle of the marketplace. Then they went to the bathhouse and chopped the ancient boiler free of its walled-in enclosure. The boiler, sterile inside from decades of scalding water, was hauled with great fanfare to the marketplace, where it was ceremoniously lowered into the hole, its empty, concave interior facing upward to the sunny sky. The constable and the Cossack chief rousted about a dozen peasants – men and women – out of the surrounding houses and ordered them to fill the boiler using shoulder yokes with buckets attached. The peasants hauled bucketful after bucketful of water and dumped them into the boiler. While they worked, a fire was lit underneath. As the wood burned and the water heated to a boil, smoke and steam filled the air. When there was enough boiling water, the constable and the Cossack chief ran from one house to another, knocking on windows and yelling as though trying to wake the people inside. A crowd of peasants gathered to scoop out the hot drinking water: men and women, married and single, came running from all sides with jugs, cups, clay and cast iron pots, and rusty tin pitchers. Shouting with excitement, they stood around the boiler in a cheerful, noisy circle while the steam silently swirled out of the enormous cauldron and sailed over the heads of the crowd, so that it looked like everyone, breathing in unison, had puffed out a thick cloud of fog.

It was a strange thing, though: despite the weapons the five officials had brought to fight the plague, people grew increasingly anxious as time went by. As they watched the sanitation process, even the few heretics who'd once refused to believe the cholera had come to town were now convinced.

While the five enlightened Christians carried out their "civilized" mission against the plague, the two groups of common folk, Jews and gentiles, began their own campaigns. Jews began to spend extra hours praying loudly and fervently in the prayer

houses, while peasants prayed in their own way according to their own religion. There were many street processions, the priest at the fore in his mantle and tall hat, a cross held at his breast, and peasants walking behind him with their crosses, holy pictures, banners, and wax candles. The ceremonies looked exactly like funeral processions – in fact, the Jews thought it very strange there was no coffin in their midst. The priest babbled in some foreign language, and the deacon, walking behind him, recited from a book (from a distance it resembled a little sefer), repeating whatever the priest had said. Their voices – one coarse, the other squeaky – were accompanied by the shrill voices of children, who, in honor of the ceremonial occasion, wore clean sandals, their legs wrapped to the knee in spotless white rags wound about with new ribbons. The peasants, bare-headed, had smeared their hair with some sort of nasty-looking oil that glistened in the sunlight as a sign of Christian piety. Their Jewish neighbors, who usually found these spectacles strange and distasteful, now accepted them, knowing full well the reasons. The Christians were brothers in misfortune, so the Jews refrained from scoffing at their delusions and patiently tolerated the ringing of church bells.

***

The sanitation officials carried on with their mission and so did the plague, which swept across town from day to day like a conflagration. Just as a wildfire leaps across a wide gulf to devour a house no one thinks it can reach, people living right next to a case of cholera escaped, while those down the street, or even on the next street over, succumbed.

Every day there were more mourners and more orphans, and a new row of fresh mounds of earth appeared in the cemetery. People began to lose faith in the countermeasures, and some grew to suspect the officials themselves. A rumor started to make the rounds: if the officials got hold of a person with cholera, they'd kill him themselves to prevent the plague from spreading further. So the Jews kept their mouths shut when someone in the family fell ill. If the sick person died without the help of the gentile murderers, at least everyone could be sure he'd been kept alive as long as possible. Also, the body could be snuck out of the house and its dignity defended from the desecration of quicklime. So as soon as victims closed their eyes for the last time, their bodies were slipped outside and carried through back alleys to the small building in the cemetery where they were cared for according to Jewish customs and rites. Those who were discovered with a "stolen" body suffered a cruel fate. The body would be torn out of their hands and the Christian officials would promptly deal with it in their own unnatural way.

While Jews were doing everything they could to keep their dead safe from the quicklime, peasants did the reverse. When one of them came down with the plague, their near and dear ran straight to the authorities. The peasants couldn't understand why the Jews got so upset about a little bit of quicklime sprinkled on a corpse. For them, it was quite the opposite: even as a peasant lay dying, a friend or relative would go running off to get quicklime, and the minute the victim died, they'd treat the body with some of it and hold back the rest to make whitewash. In just a few days you'd see the dead person's house all brightened up. Every peasant family did the same: a freshly

whitewashed house was a sign that someone had died. Each corpse left behind a house that looked more festive and cheerful than before.

So there were many Christian bodies and many whitewashed houses. But after every Jewish victim there was only a yahrzeit candle and a window looking out over the street with the sorrow and fear of death.

# די כאָלערע

אויף פּאָטשטאָווע פֿערד מיט רעשדיק־קלינגענדיקן קלאַנג איז אַראָפּגעפֿאַלן אַ בינטל אומבאַקאַנטע קריסטן מיט לײַטישע פּנימער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ייִדן, וואָס זעען אויס ווי קריסטן. אויף זייערע קליידער איז נישט געווען צו דערקענען, אַז זיי זאָלן „עפּעס“ זײַן, און דאָך האָט מען דערקענט, אַז זיי זײַנען נישט סתּם זיך מענטשן, אַז זיי זײַנען נישט גלאַט אַזוי זיך געקומען, אַז זיי זײַנען אַראָפּגעשיקט געוואָרן אַהער צו מיט עפּעס אַ פֿולמאַכט, וואָס באַדאַרף דווקא נאָר זײַן פֿאַרשטעלט הינטער געוויינטלעכע קליידער, ווי געוויינטלעכע מענטשן קריסטן טראָגן. דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן יאָ געהאַט אויף זיך, וואָס נישט אַלע מענטשן האָבן אויף זיך געהאַט, זײַנען די היטלען זייערע, מיט די טונקל ברוינע סאַמעטקעס און מיט „קנעפּלעך“ פֿון פֿאָרנט. פֿינף „קנעפּלעך“ אויף פֿינף היטלען, וואָס זײַנען געזעסן אָנגערוקט אויף פֿינף קעפּ.

צוגעפֿאָרן און זיך אָפּגעשטעלט לעבן יצחק־אַהרנס שטוב, לעבן דער צווייטער העלפֿט, וואָס דער פֿעלדשער האָט פֿאַרנומען. דאָרטן זײַנען אַלע פֿינף פּאַרשוין מיט פֿינף פּאָר פֿיס פֿון וואָגן אַראָפּגעשפּרונגען, פֿון די הויכע מקומות, ווו זיי זײַנען געזעסן, און איינער נאָך דעם אַנדערן זײַנען זיי פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין דעם פֿעלדשערס שטוב אַרײַן, און אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען לויפֿנדיק געקומען דער אוריאַדניק מיטן סאָטניק. דער סאָטניק איז אומבאַמערקט אָנהיטלדיק געוואָרן און האָט זיך פֿאַרנומען צו העלפֿן דעם „יאַמשטשיק“ אַראָפּצושלעפּן די פּעקלעך, וואָס די פֿינף לײַט האָבן מיט זיך געבראַכט. ער האָט יעדעס פּעקל געשלעפּט און געטאַסקעט מיט אַזאַ ייִראת־הכּבֿוד, ווי אינעווייניק וואָלטן געלעגן הייליקע זאַכן, וואָס קאָנען נאָר באַלאַנגען צום קלויסטער.

געמיינט האָט מען יענע העלפֿט שטוב, דעם פֿעלדשערס, און די פֿינף קריסטן, אָבער אָנגעהויבן צו קלײַבן האָט מען זיך אַרום יצחק־אַהרנס העלפֿט, איינער און אַ צווייטער, און צו איינעם און צו צוויי איז צוגעוואַקסן אַ דריטער און אַ פֿערטער, און גאָר גיך איז אויסגעוואַקסן אַ היפּש רעדל, און נאָך איידער ס׳האָט ווער עפּעס געוווּסט, ווער זיי זײַנען, אָט די פֿריש אָנגעקומענע לײַט, האָט מען שוין געוווּסט, צו וואָס זיי זײַנען געקומען, און דערפֿאַר האָט מען צו זיי געפֿילט עפּעס ערגערס און בעסערס, ווי מ׳פֿילט עס צו געוויינטלעכער און אָפֿענער נאַטשאַלסטווע. זיכער, אַז די לײַט זײַנען געקומען דאָ צו טאָן עפּעס פֿאַר די לעבעדיקע און פֿאַר די טויטע. וואָס זיי ווילן טאָן פֿאַר די לעבעדיקע און וואָס פֿאַר אַ פּעולה דאָס טועכץ זייערס וועט האָבן, האָט נאָך קיינער נישט געוווּסט. אָבער דאָס, וואָס זיי וועלן טאָן מיט די טויטע, האָט מען שוין לאַנג בעפֿאָר געהערט. אין סך־הכּל, הייסט עס, זײַנען זיי געקומען גוטס און שלעכטס טאָן – אפֿשר איז דאָס שלעכטע אויך גוט פֿאַר די לעבעדיקע? אָבער ביז וואַנען און וואָס, איז עס פֿאָרט שלעכט, וואָס מ׳נעמט אַ מת און מ׳באַשיט אים מיט וואַפּנע. פֿון דעם שלעכטס, וואָס מ׳קלײַבט זיך צו טאָן מיט די מתים, כּדי דערמיט גוטס צו טאָן די לעבעדיקע, קאָן נאָך דערפֿון אַליין די לעבעדיקע ערגער ווערן... אַ קלייניקייט, מבֿייש זײַן אַ מת!

דער אוריאַדניק האָט זיך פֿאַר דער צײַט אַ פּאָר מאָל אין דרויסן באַוויזן – אַ צעטראָגענער. מ׳האָט געזען, אַז ער האָט די ניכפּה, אַז ער האָט אין גאַנצן פֿאַרגעסן, אַז ער איז אויך עפּעס אַ שטיקל נאַטשאַלניק. ער האָט אויסגעזען ווי אַ האָן, ווען ער פֿאַלט אַרײַן אין אַ פֿרעמדן גבֿול אַרײַן צווישן הענער, פֿיל גרעסערע און שטאַרקערע פֿון אים. ייִדן האָבן געקוקט אויף אים און זיך געשמאָלצן פֿון זײַן ירידה.

„זדראַווסטוווּיטיע, גאָספּאָדין אוריאַדניק!“

יצחק־אַהרן האָט פֿון צײַט צו צײַט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פֿון פֿענצטער און געפֿרעגט בײַ די צונויפֿגעקליבענע ייִדן, נאָך וואָס זיי קלײַבן זיך דאָ צונויף. אין דער יאַרמלקע האָט ער זיך געוויזן, בײַ זיך אין שטוב אין דער יאַרמלקע, גלײַך ווי די פּריצים וואָלטן בײַ אים אין שטוב געווען. ער האָט פֿון זײַן שטוב אויסגעזען ווי אַ ייִד, וואָס כאַפּט זיך אַרויס פֿון פּריסוטסטווע, וואָס איז פֿול מיט נאַטשאַלסטווע און מיט ייִדן, און וואָס פֿילט זיך היימיש און פֿרעמד איינצײַטיק. ער האָט גערעדט צו זיי, געוווּנקען צו זיי, צו די פֿאַרזאַמלטע ייִדן, אַז זיי זאָלן זיך צעגיין, אַז עס פּאַסט נישט צו שטיין און אַז ס׳איז בכלל בעסער אין אַזאַ צײַט וואָס ווינציקער זיך צונויפֿקומען צוזאַמען.

„,זאַלצערס׳, זיי זײַנען געקומען ׳זאַלצן,׳“ האָט איינער צו אַ צווייטן געזאָגט און חושד געווען יצחק־אַהרנען, אַז ער ווייסט דערפֿון און וויל נישט זאָגן.

***

אויף מאָרגן האָט זיך דער קאַמף אָנגעהויבן. די פֿינף לײַט זײַנען געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פֿון אוריאַדניק מיטן

סאָטניק, געגאַנגען אין יענע הײַזער, וווּ ס׳זײַנען געווען צופֿאַלן פֿון דער מגפֿה, און מ׳האָט אין יעדן הויז פֿון די הײַזער געמאַכט דעזינפֿעקציעס, געשפּריצט מיט אַזעלכע שמעקעדיקע פֿליסיקייטן אויף ווענט און סטעליע, אויף בעטן און טישן, און דערנאָך צעפּראַלט טיר און פֿענצטער און אַרויסגעטראָגן די אַלע זאַכן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין נאָענטער באַרירונג מיטן קראַנקן אויף דער מגפֿה־קרענק. אַרויסגעטראָגן אין דרויסן אַרויס, באַגאָסן מיט קעראָסין און אונטערגעצונדן. מ׳האָט דאָ און דאָרט געברענט לײַלעכער און שטרוי פֿון בעטן. ס׳האָבן געברענט און נישט געקאָנט ברענען, זיך געסמאַליעט קישנס און איבערבעטן, זיך גערייכערט און צעטראָגן אין דער לופֿט אַ שטינקענדיקן ריח פֿון סמאַליענדיקע פֿעדערן. אויף די שליאַכן האָט מען צעשטעלט שמירות, נישט אַרויסצולאָזן און נישט אַרײַנצולאָזן אין שטעטל אַרײַן, און אומעטום זײַנען געלעגן הורבעס שטרוי צוגעגרייט, וואָס טאָמער וועט זיך איינעם דווקא יאָ וועלן אַרײַנרײַסן אָדער אַרויסרײַסן פֿון שטאָט אַרויס, און ער וועט נאָך דערצו עפּעס וועלן אַרויספֿירן מיט זיך, זאָל מען אים די זאַכן, וואָס ער פֿירט מיט זיך, פֿאַרברענען, און אים אַליין דעם מענטש, וואָס מוז אַרויספֿאָרן, זאָל מען „אָפּשווענצלען“ מיט אַזאַ דעזינפֿעקצירנדיקער פֿליסיקייט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. איינצײַטיק זײַנען אויסגעקלעפּט געוואָרן נײַע פֿאַראָרדענונגען וועגן ריינקייט, וואָס האָבן געסטראַשעט מיט גרויסע געלטשטראָפֿן און מיט לאַנג־טערמיניקער תּפֿיסה יעדן איינעם, וואָס וועט אָט דעם באַפֿעל נישט געהאָרכזאַם זײַן. אין אַ צווייטן אויפֿרוף איז געווען אויסגערעכנט אַ גאַנצער צעטל פֿון דעם, וואָס מע מעג עסן און טרינקען און וואָס מע טאָר נישט. און ס׳איז שטרענג אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז ווי נאָר עס וועט זיך ערגעץ טרעפֿן אַ כאָלערע־צופֿאַל, זאָל מען באַלד מעלדן אין סאַניטאַרן־פּונקט.

דעם זעלבן טאָג האָבן צוויי גויים אויסגעגראָבן אַ גרוב אין מיטן מאַרק און אַרויסגעגראָבן פֿון זײַן לאַנגיאָריקן אײַנגעמויערטן מקום־מנוחה דעם קעסל פֿון באָד. האָט מען אים געפֿירט, אָט דעם קעסל, אַן אויסגעלײַטערטן פֿון צענדליקער יאָרן זיך ברענען און קאָכן און אַרויסגעפֿירט „אים“ מיט זײַן קעסלדיקן כּבֿוד. אויפֿן מיטן מאַרק האָט מען אים מכבד געווען מיט אָט דעם גרובלאָך, וואָס איז שוין געווען צוגעגרייט פֿאַר אים, זײַן קײַלעכדיקן פֿאַרנעם אַרײַנגעזעצט אין גרוב אַרײַן און מיט אָפֿענער קײַלעכדיקער ליידיקייט אַרויף צו הימל און צו זון. דער אוריאַדניק מיטן סאָטניק האָבן פֿון די הײַזער אַרויסגעשלעפּט עפּעס אַ צענדליק גויים מיט גויעס און, מיט גוואַלד זיי אָנגעוואָרפֿן די קאָראָמיסלעס אויף די אַקסלען, האָט מען זיי באַפֿוילן דעם קעסל פֿול מיט וואַסער אָנצופֿילן. און אַזוי ווי מ׳האָט „אַרײַנגעוואָרפֿן“ אַהין צו עטלעכע מאָל וואַסער, אַזוי האָט אונטער אים אָנגעהויבן צו ברענען אַ פֿײַער, און זיך צעברענט, און איינצײַטיק האָט זיך פֿון אונטן און פֿון אויבן גערייכערט און געפּאַרעט. און פֿאַר דער צײַט איז דער אוריאַדניק מיטן סאָטניק געלאָפֿן פֿון איין גוייִשער שטוב צו דער צווייטער און – געקלאַפּט אין פֿענצטער מיט קולות, ווי מ׳וואָלט זיי פֿון שלאָף געוועקט, האָט מען גערופֿן דעם פּויערישן עולם, ער זאָל גיין זיך נעמען געקאָכט וואַסער פֿון קעסל. גויים, גויעס, שיקסעס און שקצים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פֿון אַלע זײַטן מיט קריגלעך, באַנקעס, מיט ליימענע און טשוגונענע שוואַרצע טעפּ און מיט פֿאַרזשאַווערטע בלעכענע קווערטלעך און אַרומגערינגלט דעם קעסל אין אַ קײַלעכדיקן רינג – מיט רעש און טומל און פֿריילעכע אויסגעשרייען און קוויטשערײַען. און צווישן רעש און טומל האָט זיך שטיל געגעפּלט אַ פּאַרע פֿון דעם גרויסן באָדקעסל, וואָס האָט זיך געהויבן העכער פֿון די פֿאַרזאַמלטע קעפּ, און עס האָט זיך גדעאַכט, אַז די צונויפֿגעלאָפֿענע מענטשן־מאַסע אָטעמט מיט איין אָטעם און לאָזט פֿון זיך אָט די געדיכטע פּאַרע אַרויס.

און מערקווירדיק, וואָס אָט די אַלע קאַמפּסמיטלען, וואָס די פֿינף קריסטלעכע לײַט האָבן אָנגעהויבן אָנצופֿירן מיט דער מגפֿה, האָבן נאָך פֿאַרגרעסערט די אומרויִקייט. אויב ס׳האָבן זיך פֿריִער געפֿונען אַ פּאָר „אַפּיקורסים,“ וואָס האָבן נישט געוואָלט נאָכגעבן, אַז „די כאָלערע איז שוין דאָ,“ איז דאָס געווען צו פֿאַרדאַנקען אָט די מיטלען, אַז אַפֿילו די יעניקע, וואָס האָבן נישט געגלייבט אין „איר“ עקסיסטענץ, זאָלן שוין אויך אָנהייבן צו גלייבן.

איינצײַטיק מיטן ציווילזירטן קאַמף, וואָס די פֿינף ציווילזירטע קריסטן האָבן אָנגעהויבן קעגן דער מגפֿה, האָבן די צוויי פֿעלקער, די ייִדן און די גויים, אָנגעהויבן אים אָנצופֿירן אויף זייער אופֿן. ייִדן האָבן אָנגעהויבן איבעריקע שעהען צו פֿאַרברענגען אין בית־המדרש, האָבן אויף הויכע טענער געזאָגט תּהילים, און גויים האָבן געבעטן אויף זייער אופֿן און לויט זייער גלויבן. ס׳האָט זיך אָפּגעשטעלט דער גלח אין דער „ריאַסע“ באַוויזן מיטן ספּאָדיק אויפֿן קאָפּ, מיט אַ צלם, וואָס ער האָט געהאַלטן בײַ דער ברוסט, און נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען און זיך נאָכגעשלעפּט אַ פּויעריש פֿאָלק מיט צלמים, מיט הייליקע בילדער, מיט „שמאַטעס“ און מיט וועקסענע ליכט, פּונקט מיט אַזאַ אָרדענונג, ווי בעת „מ׳שלעפּט אַ פּגר“ (און ס׳איז טאַקע אויסגעקומען אַ ביסל משונה, וואָס מ׳זעט אָט די צערעמאָניעס און ס׳איז נישטאָ קיין „פּגר“ אין דער מיט). דער גלח האָט געפּרעפּלט און דער דיאַק, וואָס איז נאָכגעגאַנגען דעם גלח הינטער דער פּלייצע, האָט נאָכגעזאָגט פֿון אַ ביכעלע, וואָס האָט פֿון ווײַטנס אויסגעזען ווי אַ ייִדיש ספֿרל, און נאָכגעפּרעפּלט דעם גלח אין טאָן אַרײַן, אַ מאָל איינער מיט אַ גראָבן קול און אַ מאָל איינער מיט

אַ דינערן קול, באַגלייט מיט קוויטשערלעך פֿון קליינע שקצים און שיקסעלעך, וואָס האָבן זיך לכּבֿוד אָט דער צערעמאָניע אָנגעטאָן פֿרישע פּאָסטעלקעס אויף די פֿיסלעך זייערע און ביז די קני זײַנען זיי, די פֿיס, געווען פֿעסט אײַנגעוויקלט אין ריינע, ווײַסע שמאַטעס, מיט נײַע שטריקלעך „אַרומגעמאָטעט“. די פּויערישע אָנהיטלדיקע קעפּ האָבן געגלאַנצט אַנטקעגן דעם שײַן פֿון דער זון מיט חזרישער פֿעטקייט. און אָט דער גלאַנץ פֿון זייערע האָר האָט פֿאַר זיך דערציילט פֿון אייגנאַרטיקער גוייִשער פֿרומקייט. פֿרעמד און אָפּשטויסנדיק פֿאַרן ייִדישן אויג, און דאָך האָבן ייִדן דאָס מאָל גאָר אַנדערש פֿאַרדייעט אָט די פּראָצעסיע, וויסנדיק צוליב וואָס דאָס ווערט געטאָן. געפֿילט די גויים פֿאַר אַן „אָח־לצרה,“ האָט מען נישט אָפּגעשפּאָט פֿון דעם גוייִשן „פֿאַרפֿירט“ זײַן און געדולדיק אויסגעהערט דעם קלאַנג פֿון די קלויסטער־גלעקער.

***

די סאַניטאַרן האָבן זיך געטאָן דאָס זייעריקע און די מגפֿה האָט זיך געטאָן דאָס איריקע. זי האָט זיך פֿון טאָג צו טאָג אַלץ ברייטער און ברייטער צעוואָרפֿן איבערן שטעטל. פּונקט ווי און אַ שׂרפֿה וואַרפֿט זיך איבער דאָס פֿײַער און כאַפּט אַרום אין פֿלאַמען אַ שטוב דווקא דאָרטן, ווו מ׳האָט עס ווינציקער דערוואַרט, אַזוי האָט עס דאָ פּאַסירט. ס׳האָט דווקא דורכגעלאָזט די שכנישע הײַזער, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין די נאָענטע גרענעצן, ווו ס׳האָט געטראָפֿן אַ כאָלערע־צופֿאַל, און ס׳האָט אַ כאַפּ געטאָן עטלעכע הײַזער ווײַטער אָדער גאָר אויף אַ צווייטער גאַס.

פֿון טאָג צו טאָג איז די צאָל אַבֿלים און יתומים גרעסער געוואָרן און אויפֿן בית־עולם זײַנען געוואַקסן איינס לעבן דעם אַנדערן פֿרישע בערגלעך ערד, און אַ דאַנק דעם האָט מען אָנגעהויבן צו פֿאַרלירן דעם צוטרוי צו די מיטלען, וואָס די סאַניטאַרן האָבן דיקטירט צו באַקעמפֿן די מגפֿה, און נאָך מער האָט מען פֿאַרלוירן דעם צוטרוי צו זיי אַליין. פֿון אויער צו אויער האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען, אַז ווען ס׳פֿאַלט אַרײַן צו זיי אין דער האַנט אַרײַן אַ קראַנקער, מאַכן זיי וואָס גיכער אַ סוף מיט אים, כּדי אַזוי אַרום נישט געבן דער מגפֿה קיין מעגלעכקייט זיך צו פֿאַרשפּרייטן, און אַ דאַנק דעם האָט מען זיך אָנגעהויבן אויסצוהיטן, זיי זאָלן זיך נישט דערוויסן, ווען ס׳איז ווער קראַנק געוואָרן. און אויב מ׳איז דאָך געשטאָרבן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מ׳האָט אויסבאַהאַלטן דעם קראַנקן פֿון די גוייִשע הענט, האָט מען כאָטש געוווּסט אויף זיכער, אַז דער געשטאָרבענער האָט נישט געקאָנט בלײַבן לעבן. אַזעלכע האָט מען לײַכטער געקאָנט אַרויסגנבֿענען און אָפּהיטן זײַן מתדיקן כּבֿוד, אויסהיטן פֿון וואַפּנע. אַזוי ווי „ער“ האָט נאָר צוגעמאַכט די אויגן, האָט מען אים בגנבֿה און דורך הינטערגעסלעך אַרויסגעטאַסקעט פֿון שטוב און אַוועקגעטראָגן אויפֿן בית־עולם, און דאָרטן, אין „אוהל,“ האָט מען אים אָפּגעטאָן זײַן רעכט נאָך אַלע מינהגים און ייִדישע דינים. די יעניקע, וואָס מ׳האָט געפּאַקט אין מיטן וועג מיט דער „גנבֿה,“ איז גאָר נישט געווען וואָס מקנא צו זײַן. מ׳האָט פֿון זיי מיט געוואַלד דעם בר־מינן אַרויסגעריסן און זיי, די פֿרעמדע, גוייִשע הענט, האָבן זיך שוין מיט „אים“ מתעסק געווען אויף זייער אופֿן.

איינצײַטיק ווי ייִדן האָבן געטאָן וואָס מעגלעכס, כּדי אויסצומײַדן אָט דעם „זאַלץ” פֿון זייערע מתים, האָבן פּויערים פֿאַרקערט געהאַנדלט. ווען ס׳איז ווער קראַנק געוואָרן בײַ זיי אויף דער קרענק, איז דער יעניקער פּויער אָדער פּויערטע, וואָס האָט בײַ זיך דעם קראַנקן געהאַט, שוין געלאָפֿן נאָך „לאַפּנע.“ זיי, די פּויערים, האָבן באַין־אופֿן נישט געקאָנט באַנעמען, וואָס די ייִדעלעך ציטערן אַזוי פֿאַר דעם ביסל „לאַפּנע,“ וואָס מ׳באַשיט די מתים זייערע. זיי, פֿאַרקערט, די פּויערים, לויפֿן אַליין נאָך דעם גערן, ווען יענער זשיפּעט נאָך, און אַזוי גלײַך ווי יענער מאַכט צו די אויגן, גיט מען אים אַוועק זײַן פּאָרציע און רעשט בלײַבט פֿאַר זיי אויף צו קאַלכן די הײַזער. ס׳האָט נישט גענומען לאַנג: אין אַ טאָג צוויי אַרום האָט מען שוין געזען דאָס שטיבל אויסגעווײַסט. אַלע האָבן אַזוי געטאָן. ווו מ׳האָט געזען אַ פֿריש אויסגעקאַלכטע „כאַטע,“ איז געווען אַ סימן, אַז דאָרט האָט זיך ווער געפֿעלט, און ס׳האָט זיך באַקומען אַן אײַנדרוק, אַז נאָך יעדן זייערן אַ בר־מינן זײַנען די הײַזלעך זייערע געוואָרן חגאדיקער און לעבעדיקער.

נאָך דער צאָל מתים איז געוואַקסן די צאָל אויסגעקאַלכטע שטיבלעך. און בײַ ייִדן איז נאָך יעדן מת פֿאַרבליבן אַ נשמה־לעמפּל אין שטוב און אַ פֿענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן אַרויס מיט אומעט און שרעק פֿון טויט.